# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

יום טוב סוכות, שנת תשפ"ו לפ"ק

שנה 16, גליון 2 (767)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:30
מוצאי יו"ט ראשון...........7:57

**שיעורים כסדרן (א׳ סוכות)**
נ"ך.........................שמואל-ב כ"ד
בבלי.........................בכורות ח׳
ירושלמי...................שבועות ל׳
תוספתא............עבודה זרה ה׳
רמב"ם.....................גירושין ה׳

# בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים

וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹות פוּן סוּכָּה אוּן פוּן שָׁאקְלֶען דִי ד׳ מִינִים, אוּן וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען פוּן אַלֶע זַייטְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זִיצְט אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּצֵל הָאֱמוּנָה.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס וָואס דוּ זֶעסְט אִיז אֱלֹקוּת, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטֶס, אַלֶעס אִיז אַזוֹי וִוי אַ קְלֵייד וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט, אָבֶּער אַלֶעס אִיז נָאר עֶר, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, וַוייל דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז מְסוּגָּל אוֹיף אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא כג, מב-מג): "**בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים ... לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם**", אַז מֶען זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער מִיט דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ, יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִיר אוּן פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה - אַלֶעס אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דַיין טוֹבָה.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "**מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה חַיָּיו חַיִּים**", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט גוּטְס. וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶס גֵייט אִים וִוי אַזוֹי עֶר וִויל - אִיז דָאךְ גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, עֶר הָאט וֵוייטָאג אוּן יִסוּרִים - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים הֶעלְפְן, וַוייל אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים - מוּז זַיין אַז אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה. "**אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל**", אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אִיז אִים דָאס לֶעבְּן נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטֶס - הָאט עֶר מֶער נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, וַוייל אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט עֶר גָארְנִישְׁט, וַוייל עֶר לֶעבְּט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה, מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ**", אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה אִיז דִי לֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִיס.

וֶוען דוּ בִּיסְט אִין דִי סוּכָּה זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְ'מָשָׁלְ'ן וִוי דוּ בִּיסְט יֶעצְט פְּרִיוַואט, דוּ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, דוּ הָאסְט יֶעצְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ רֶעדְן פְּרִיוַואט; זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִין דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט בַּאקְוֶועם צוּ רֶעדְן. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט אִין דִי תְּפִלָּה בַּיים אַרַיינְגֵיין אִין דִי סוּכָּה: "**וְתִתֶּן לִי זְכוּת לָשֶׁבֶת וְלַחֲסוֹת בְּסֵתֶר צֵל כְּנָפֶךָ**, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּ גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אִיךְ זָאל אַלְץ שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, וִוי אִיךְ זִיץ אוּנְטֶער דַיין שָׁאטְן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן קַיין מֶענְטְשְׁן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט חַנְפְּ'נֶען קֵיינֶעם, אִיךְ וֶועל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, אִיךְ וֶועל וִויסְן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט שֶׁעדִיגְן, אַלֶעס אִיז פוּן דִיר".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרָכָה-א תשפ"ז)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## דִי כַּוָּונַת הַנַּעְנוּעִים

וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט דִי ד׳ מִינִים זָאלְסְטוּ אִינְזִין הָאבְּן דִי "כַּוָּונַת הַנַּעְנוּעִים" וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען; וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט צוּ רֶעכְטְס (דָרוֹם) – זָאלְסְטוּ מְכַוֵּון זַיין: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וֶוען עֶס גֵייט מִיר גוּט, אַלֶעס גֵייט רֶעכְטְס - אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט צוּ לִינְקְס (צָפוֹן) – זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵיין לִינְקְס - אִיז עֶס אוֹיךְ דוּ", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט צוּ פָארְנְט (מִזְרָח) – זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וֶוען אַלֶעס

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִין דִי תְּפִלָּה וָואס מֶען זָאגְט אוּם סוּכּוֹת בִּשְׁעַת פְּתִיחַת הָאָרוֹן, וָואס דָאס קוּמְט פוּן הֵיילִיגְן חִידָ"א זי"ע, בֶּעט מֶען דָארְט, "וְהָגֵן בַּעֲדֵנוּ מִשַּׁלְהוֹבוֹי וּמִדִּינוֹי דִּצֶדֶק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן דִי פֵייעֶר אוּן דִין פוּן 'צֶדֶק'". דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי תְּפִלָּה וָואס מֶען בֶּעט אַז מֶען זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן 'צֶדֶק'?

עֶס אִיז זִיכֶער דָא הוֹיכֶע סוֹדוֹת וָואס דָאס פֵייעֶר אוּן דִין פוּן 'צֶדֶק' בַּאדֵייט, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוֹיסֶער דִי אַלֶע הוֹיכֶע סוֹדוֹת זָאל מֶען זוֹכְן וָואס מֶען קֶען נֶעמֶען אִין הַאנְט, וָואס דָאס קֶען מֵיינֶען פַאר מִיר, אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִיצְן אִין לֶעבְּן. הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ פְּשַׁט וָואס מִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, 'צֶדֶק' - מֵיינְט גֶערֶעכְט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, מִיט זַיין וַוייבּ, מִיט זַיינֶע שְׁכֵנִים, מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶוערְט פָּשׁוּט פַארְבְּרֶענְט; עֶר אִיז צֶעקְרִיגְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַרוּם אוּן אַרוּם, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם, עֶר קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַלֶעס נָאר וַוייל עֶר אִיז פָּשׁוּט גֶערֶעכְט.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, סוּכּוֹת תשפ"ב)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# פְּרֵיילִיךְ אִין סוּכָּה, פְּרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א', דְרִיטֶע אוֹת פוּן
שֵׁם הֲוַיָ"ה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין עֶרֶב סוּכּוֹת, עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת; יֶעדֶע מָאל דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה זָאלְסְטוּ אַיינְלַאדֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין, דִי הֵיילִיגֶע גֶעסְט. עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פַּרְשַׁת אֱמוֹר, קד.) אַז דִי אוּשְׁפִּיזִין קוּמֶען נָאר אַז מֶען רוּפְט זֵיי; זָאלְסְטוּ זָאגְן: "אֲזַמִּין לִסְעוּדָתִי", אִיךְ לַיידְן עֶנְק אַיין צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אִין דִי סוּכָּה, "אוּשְׁפִּיזִין עִילָּאִין", דִי הֵיילִיגֶע גֶעסְט, "אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד", אוּן זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דַיין סוּכָּה, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן אַז דִי סוּכָּה אִיז קְלֵיין, מֶען זִיצְט צַאמְגֶעשְׁטוּפְּט אוּן עֶס גִיסְט זִיךְ אוּן עֶס טוּט זִיךְ - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן פְּרֵיילִיךְ, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, גֶעדֶענְק וֶוער עֶס זִיצְט נֶעבְּן דִיר, גֶעדֶענְק אַז דִי הֵיילִיגֶע גֶעסְט זֶענֶען דָא, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעהַאט בֵּיי דִיר אִין סוּכָּה דַיין רָבּ אָדֶער דַיין דַיָּין - וָואלְסְטוּ גֶעזִיצְן אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט, אוּן אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, עֶס גִיסְט זִיךְ אוּן עֶס טוּט זִיךְ וְכוּ' - וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן.

קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט וַוארְפְן אַ זַאךְ פוּן כַּעַס, אָדֶער צֶעבְּרֶעכְן אַ זַאךְ פוּן כַּעַס, שְׁטֵייט אִין זֹהַר (פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי רסג:) אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ - וֶוען עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף - וַוארְפְט עֶר אַ זַאךְ אָדֶער עֶר צֶעבְּרֶעכְט אַ זַאךְ - זֶענֶען דָא מַלְאָכִים סְפֶּעצִיעֶל גֶעשְׁטֶעלְט פַאר דֶעם, זֵיי נֶעמֶען דִי זַאךְ וָואס דֶער מֶענְטְשְׁן הָאט גֶעוָוארְפְן אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען דָאס אִין הִימְל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: "קוּקְט, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן פַאר עֲבוֹדָה זָרָה", אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קה:): "כָּל הַכּוֹעֵס כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה", וֶוער עֶס אִיז בְּכַעַס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַעַס, נִישְׁט וַוארְפְן קַיין זַאכְן, נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן קַיין זַאכְן; הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל וֶוען טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען בְּכַעַס גֵייעֶן דִי קִינְדֶער צוּגְרוּנְד, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט חָרוּב.

הַיינְטִיגֶע טֶעג דַארְף מֶען מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג; וַוייל אַמָאל אִיז גֶעוֶוען נִסְיוֹנוֹת פוּן מַשְׂכִּילִים, מְחַקְּרִים וְכוּ', הַיינְט אִיז נִישְׁטָא דִי נִסְיוֹנוֹת, הַיינְט אִיז דִי נִסָּיוֹן אַז מֶענְטְשְׁן ווִילְן לִיבְּשַׁאפְט, מֶענְטְשְׁן ווִילְן וַוארֶעמְקֵייט, אוּן אַז קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דָאס נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ - זוּכְן זֵיי דָאס בֵּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אוּן כָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען טוּט מִצְוֹת, עֶס קוּמְט שַׁבָּת, עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב - מוּז מֶען דָאס מַאכְן מִיט שִׂמְחָה, מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס וֶועלְן, קִינְדֶער זָאלְן אַרוֹיסְקוּקְן אוּן פְרֶעגְן: "וֶוען קוּמְט שׁוֹין יוֹם טוֹב? וֶוען קוּמֶען שׁוֹין דִי טֶעג וָואס עֶס גֵייט זַיין זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ?" אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דָאס אָנְהַאלְטְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרָכָה-א תשפ"ז)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

נה. אֵין עֵרֶךְ לְמִצְוָה שֶׁעוֹשֶׂה אָדָם לְעַצְמוֹ לְבַד, אֲפִלּוּ שֶׁתִּהְיֶה רַבָּה; לְמִצְוָה שֶׁתִּמָּשֵׁךְ מִמֶּנָּה זְכוּת לָרַבִּים, אֲפִלּוּ שֶׁתִּהְיֶה קְטַנָּה. אַ מִצְוָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט פַאר זִיךְ אַלֵיין, אֲפִילוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, קוּמְט גָארְנִישְׁט צוּ צוּ דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ מִצְוָה וָואס הֶעלְפְט אַרוֹיס אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ סְ'אִיז נָאר אַ קְלֵיינֶע מִצְוָה.

<<<<<< מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

גֵייט וִוי גֶעפְּלַאנְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט מַיין גֶעלוּנְגֶענְקֵייט, נָאר אַלֶעס אִיז פוּן דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט אַרוֹיף צוּם הִימְל (מַעֲלָה) – זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, הֵייבּ מִיךְ אוֹיף צוּ דִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט אוֹיף אוּנְטְן (מַטָּה) - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, קוּם מִיט מִיר מִיט, לָאז מִיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן גֶעפַאלְן, הֵייבּ מִיךְ אוֹיף, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט אוֹיף פַארְקֶערְט (מַעֲרָב) – זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען אַלֶעס גֵייט מִיר פַארְקֶערְט ווִיל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן דִי נַעֲנוּעִים מִיט דִי כַּוָּונוֹת - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַזַא שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת, אַזַא נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה, דוּ דַארְפְסְט אַ שִׁידוּךְ פַאר דַיין זוּן אָדֶער טָאכְטֶער, אָדֶער דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, מֶען הָאט דִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דַיין פַּרְנָסָה - זָאלְסְטוּ מַאכְן דִי נַעֲנוּעִים מִיט תְּפִילּוֹת אוֹיף דִי זַאךְ וָואס דְרִיקְט דִיר יֶעצְט דָאס מֶערְסְטֶע, וַוייל מוֹהֲרַנַ"ת הָאט אַמָאל מְחַזֵּק גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעדְרִיקְט פוּן אָרֶעמְקֵייט, אַז יֶעצְט זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעדְרִיקְט - אִיז דָאס דַיין אֱמֶת"; זָאלְסְטוּ שָׁאקְלֶען דִי ד' מִינִים, אוּן וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט רֶעכְטְס זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז מַיין יְשׁוּעָה אִיז אִין דִי זַייט וֶועלְט - בְּרֶענְג עֶס מִיר", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט לִינְקְס זָאלְסְטוּ זָאגְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וואוּ אִיז דָא אַ שִׁידוּךְ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער? אוֹיבּ אִיז עֶס דִי זַייט וֶועלְט בְּרֶענְג עֶס אוּנְז, אוּן אַז מַיין פַּרְנָסָה אִיז בֵּיי דִי זַייט וֶועלְט בְּרֶענְג עֶס צוּ מִיר".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט וֶוען דוּ הַאלְסְט דִי ד' מִינִים אִין דִי הַאנְט, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, צִיּ אַרָאפּ דִי טַלִּית אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד וֵויינְט צוּ אַ טַאטֶע, אוּן קְרֶעכְץ אַרוֹיס אַפָּאר אֱמֶת'עֶ ווֶערְטֶער פוּן הַאַרְץ, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וואוּ אִיז מַיין פַּרְנָסָה? אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַהֵיים גֵיין, מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וַוארְטְן אִיךְ זָאל אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ זֵיי צוּגֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי זֵיי בְּרֶענְגֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי אַהֵיים גֵיין".

אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוּן אוֹיסְקְרֶעכְצְן אוֹיף קִרְבַת אֱלֹקִים, אוֹיף זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי ד' מִינִים פוּן הַאנְט ווִילַאנְג דִי פּוֹעֶלְ'סְט דַיין יְשׁוּעָה, וַוייל דִי ד' מִינִים זֶענֶען אַזוֹי וִוי גֶעוֶוער. עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקּוּן יג, דַף כט.), נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר ווִילְן אַלֶע ווִיסְן 'מַאן נָצַח' וֶוער הָאט גֶעווָאוּנֶען - אִידִישֶׁע קִינְדֶער אָדֶער דִי סִטְרָא אַחְרָא? זָאגְט דֶער זוֹהַר מֶען קוּקְט 'מַאן דְאָחִיד מָאנֵי קְרָבָא בִּיְדַיְיהוּ', וֶוער עֶס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין הַאנְט, אוּן אַז מֶען זֶעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער קוּמֶען סוּכּוֹת מִיט דִי ד' מִינִים וָואס אִיז וִוי גֶעוֶוער - וֵוייסְט מֶען אַז דִי אִידְן הָאבְּן

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט

מְנַצֵחַ גֶעוֶוען, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת שַׁבָּת ז, נד), מִיר וֵוייסְן דָאךְ פַארְקֶערְט, וָואס אִיז דִי סִימָן אַז מֶען הָאט מְנַצֵחַ גֶעוֶוען אַ מִלְחָמָה? וֶוען מֶען לֵייגְט אַרָאפּ דִי גֶעוֶוער, אוּן אַז מֶען זֶעט סָאלְדַאטְן הַאלְטְן נָאךְ גֶעוֶוער אִיז דָאס אַ בַּאוַוייז אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט מְנַצֵחַ גֶעוֶוען דִי מִלְחָמָה, אִיז וָואס זָאגְט דֶער זוֹהַר אַז דֶער וָואס הַאלְט דִי גֶעוֶוער דֶער הָאט מְנַצֵחַ גֶעוֶוען? זָאגְט רֶבִּי נָתָן, דִי מִלְחָמָה מִיט דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה, בֵּיי אַ גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה צְווִישְׁן לֶענְדֶער לֵייגְט דֶער מְנַצֵחַ אַרָאפּ דִי גֶעוֶוער, עֶר דַארְף מֶער נִישְׁט הַאלְטְן גֶעוֶוער, אָבֶּער בֵּיי מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר וָואס צִיט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן - אִיז פַארְקֶערְט, נָאר דֶער וָואס לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי גֶעוֶוער - דֶער אִיז דֶער מְנַצֵחַ; דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, עֶס אִיז אַרִיבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אוּן אַז מֶען זֶעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען וַוייטֶער דָא מִיט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט, זֵיי קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דִי ד' מִינִים, וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן: ״הוֹשַׁעְנָא הוֹשַׁעְנָא, הֶעלְף הֶעלְף״ - וֶועט דֶער שָׂטָן זֵיי נִישְׁט קֶענֶען מְנַצֵחַ זַיין.

דָאס זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען, כָּל זְמַן דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין וִוילְן צוּ זַיין גוּט, דוּ וֶועסְט צוּרִיק קוּמֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן: ״קָרְבֵנוּ לְתוֹרָתֶךָ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, לַמְּדֵנוּ מִצְוֹתֶיךָ, אִיךְ וִויל טוּן דַיינֶע מִצְוֹת, הוֹרֵנוּ דְרָכֶיךָ, וַוייז מִיךְ דִי אֱמֶת'עֶ וֶועג, הַט לִבֵּנוּ לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, בֵּייג מַיין הַארְץ צוּ דִיךְ, וּמֹל אֶת לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָתֶךָ, אוּן שְׁטָאפּ אוֹיף מַיין הַארְץ אִיךְ זָאל נָאר דִיךְ לִיבּ הָאבְּן״ - בִּיסְטוּ אַ גֶעווִינֶער, אוּן דֶער שָׂטָן מִיט דִי קְלִיפּוֹת וֶועלְן דִיךְ נִישְׁט מְנַצֵחַ זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרָכָה-א תשפ״ז)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (רנח)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן וִויל נִישְׁט פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר זָאל קוּמֶען אוֹיף יוֹם טוֹב, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אִים עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט צוּ קוּמֶען

חֲזַ״ל זָאגְן ״בַּדֶּרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ, מוֹלִיכִין אוֹתוֹ״ (מַכּוֹת י':), מֶען פִירְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן וֶועג וָואס עֶר וִויל דָארְט גֵיין, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן טַעֲמִים, אָדֶער נָאךְ סִיבּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט בַּיי דֶעם; אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט שׁוֹין דָאס גֶעוואוּסְט פוּן פְרִיעֶר, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר לְכַתְּחִלָּה נִישְׁט גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר זָאל קוּמֶען אוֹיף שָׁבוּעוֹת.

דָאס מָאל הָאט רֶבִּי נָתָן אָבֶּער גֶעהַאט גָאר שְׁוֶוערֶע אוּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע מְנִיעוֹת, עֶס אִיז אִים אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אוֹיבּ עֶר זָאל יָא פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר זָאל טַאקֶע קוּמֶען אוֹיף שָׁבוּעוֹת, אוּן דֶעמָאלְט וָואלְט אִים דֶער רֶבִּי טַאקֶע גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ קוּמֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אָבֶּער גֶעהָאלְפְן אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן אוֹיךְ זַיין חָבֵר ר' נַפְתָּלִי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן אִיבֶּער דִי פִילֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס עֶר גֵייט יֶעצְט דוּרְךְ, אוּן עֶר וֶועט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר מַמָּשׁ נָאנְט צוּם יוֹם טוֹב, אַזוֹי אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִים שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען צוּרִיק שִׁיקְן, וַוייל אוֹיבּ וֶועט דֶער רֶבִּי גֶעווּאוּיר וֶוערְן פוּן אַ צְוֵוייטְן אִיבֶּער דַיינֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, קֶען זַיין אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אִים

<<<<<<

### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיגְן?



*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ צוּ בַּאגְרָאבְּן פַאר בּוּשָׁה, אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מַיין וַוייבּ, וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעקֶענְט טוּן? אִיךְ בִּין אָנְגֶעפִילְט מִיט חֲרָטָה גֶעפִילְן, אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן מִיךְ אַלֵיין, וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען בַּאוַוייזְן מַיין פָּנִים פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוען אִיךְ קוּם צוּ אִים אִין אוּמַאן אִין קוּים אַ וָואךְ אַרוּם?

בָּרוּךְ ה' אַז מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, מַמָּשׁ פוּן אֵיין עֶק צוּם אַנְדֶערְן, אָבֶּער נָאר וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טֶעכְנִישֶׁע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן, צוּ דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען, מִקְוֶה, הֲפָצָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; וֶוען וֶועל אִיךְ אָבֶּער שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ מֶער פְּנִימִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן, צוּ רֶעדְן שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים, צוּ טְרַאכְטְן נָאר גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דָאס גְלַייכְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹי וֵויי, וָואס אִיז מִיט דִיר, וִוי מֶעג זַיין אַזַא זַאךְ - מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַ וַוייבּ? מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיף זַיין וַוייבּ, הָאט דֶער צַדִיק אַפִּיר גֶענוּמֶען דֶעם אִיד אוּן דִי זַייט אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: ״אוֹיף אַ וַוייבּ שְׁרֵייט מֶען?! צוּ אַ וַוייבּ דַארְף מֶען רֶעדְן וֵוייךְ, אֵיידְל אוּן שֵׁיין״.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיךְ, שְׁרֵיי נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, שְׁרֵיי נִישְׁט אוֹיף דַיין וַוייבּ; אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען כַּעַס'ט זִיךְ - טְרַייבְּט מֶען אַרוֹיס דִי שְׁכִינָה פוּן שְׁטוּבּ. אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיף דֶעם זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסג), אַז מֶען דַארְף רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אוּן אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע נֶערְוֶוען פוּן דִיר. זוּךְ אַ ווִינְקְל וואוּ זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאג: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה, אִיךְ פַארְלִיר זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוֹיף מַיין וַוייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אִיךְ זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט נֶעבְּן מִיר, דוּ בִּיסְט אִין שְׁטוּבּ אוּן דוּ זֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ, אוּן אוֹיךְ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי אִיךְ וִויל - זָאל אִיךְ הָאבְּן סַבְלָנוּת, זִיךְ נִישְׁט כַּעֲסְ'ן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף מַיין וַוייבּ״; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן אַזוֹינְס נָאכְאַמָאל.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן הָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרָכָה-א תשפ״ז)

צוּרִיק אַהֵיים שִׁיקְן, אַזוֹי וִוי עֶס הָאט שׁוֹין פַּאסִירְט אַמָאל, אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וָואס עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן, וָואס דֶעמָאלְט הָאט אִים דֶער רֶבִּי טַאקֶע אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּלִיבּ דִי פִּילֶע מְנִיעוּת וָואס עֶר אִיז דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעשְׁטַאנֶען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא פ״ה:) ״מוּטָב שֶׁיִּתְחַלֵּל שַׁבָּת אַחַת, כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמֹר שַׁבָּתוֹת הַרְבֵּה״, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען מְחַלֵּל זַיין אֵיין שַׁבָּת, כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען הִיטְן אַסַאךְ שַׁבָּתִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט פֶעסְט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר גֵייט אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן מַמָּשׁ נָאנְט צוּ יוֹם טוֹב, אָבֶער צוּ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים בִּיז דֶעמָאלְט הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט, צוּלִיבּ דִי פִּילֶע מְנִיעוּת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן דֶעמָאלְט, עֶר הָאט גֶעהַאט גֶעפֶערְלִיכֶע יִסוּרִים פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעמוּזְט פָּארְן עֶטְלִיכֶע טֶעג פַּאר שָׁבוּעוֹת קַיין בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט אָבֶער זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל נִישְׁט גֶעוָואוֹיר וֶוערְן אַז עֶר אִיז דָארְט.

שָׁבוּעוֹת אִיז דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעפַאלְן אוּם זוּנְטָאג, אוּן אוּם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיבֶּער דִי שְׁטַארְקֶע אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע מְנִיעוּת אוּן יִסוּרִים פוּן רֶבִּי נָתָן, אוּן וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מַמָּשׁ נָאנְט צוּם זְמַן אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים זֵייעֶר הַארְצִיג, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, ״אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעוָואוּסְט אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים אוּן מְנִיעוּת, וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעוָואוּסְט וָואלְט אִיךְ דִיר זִיכֶער גֶעמוּזְט אַהֵיימְשִׁיקְן, עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דוּ וָואלְסְט גֶעמוּזְט זַיין אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף שָׁבוּעוֹת, אָבֶער אַז מֶען קוּמְט אַלְצְדִינְג אִיבֶּער, אִיז דָאס פָּארְט בֶּעסֶער״.

פַּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

# 450 קונטרסים ״עצתו אמונה״ אין אידיש און 300 אין לשון הקודש, אפגעצייכנט

דעם פארגאנגענעם ״שבת שובה״ איז אפגעצייכנט געווארן אין די אפיסעס פון מכון ״עצתו אמונה״ די ערשיינונג פונעם 450׳סטן קונטרס ״עצתו אמונה״ אין אידיש און דעם 300׳סטן קונטרס ״עצתו אמונה״ אין לשון הקודש.

וואס קען זיין בעסער, שענער און פאסיגער ווי דעם וואס פונקט אין דעם שבת, ווען מען זאגט די הפטורה פון ״שובה ישראל״ אז אידישע קינדער זאלן זיך צוריקקערן צום אויבערשטן. דער אויבערשטער ווארט אז ״קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳״, עפן דיין מויל און זאג ארויס עטליכע ווערטער: ״איך האב געזינדיגט, איך וויל צוריקקומען צו דיר״, איז מען אנגעקומען צום דעם דערגרייכונג, דער וואס לערנט די הייליגע קונטרסים ״עצתו אמונה״, פראוועט 365 ימי תשובה א גאנץ יאר. די קונטרסים האבן איין ציל: צו דערמאנען אידישע קינדער אז אונזער טאטע, דער קעניג פון דער וועלט, האט אונז ליב; ער זעט יעדע גוטע זאך וואס מיר טוען, און אפילו יעדע גוטע זאך וואס מיר ווילן נאר טון. מיר דארפן בלויז נוצן אונזער מויל ארויסצוזאגן אונזערע רצונות און בענקשאפט, און דאס וועט אונז מקרב זיין צו אים.

די קונטרסים באשטייען פון בערך ניין טויזנט בריוו, און צוויי און א האלב טויזנט שאלות ותשובות, אין וועלכע עס ווערן באהאנדלט א ברייטע אויסוואל פון נושאים און ענטפערס אויף שאלות און ענינים וואס זענען נוגע פאר אנשי שלומינו טאג-טעגליך; דאס האט דער ראש ישיבה שליט״א געשריבן יעדע וואך מיט א געוואלדיגע מסירות נפש, כדי צו געבן חיזוק, עצות און הדרכות פאר אלע וואס האבן זיך געוואנדן צו אים.

שטייענדיג ביי די סימבאלישע ציפערן פון 450 און 300, איז צייט זיך אפצושטעלן א מינוט און מכיר טוב זיין פאר די אלע וועלכע געבן זיך אפ דערמיט און געבן אוועק צענדליגע שעות יעדע וואך, אלעס נאר כדי אנשי שלומינו זאלן זיך קענען אנשעפן פונעם ״נחל נובע מקור חכמה״, פונעם ״נהר המטהר מכל הכתמים״, און זיך אויפפרישן מיט די זיסע עצות פון אמונה.

דער ראש ישיבה שליט״א, וואס איז פארנומען איבער׳ן קאפ מיט׳ן פירן און זיך אפגעבן מיט יעדע חלק פון די הערליכע קהלה און מוסדות, מאכט אבער זיכער אראפצונעמען די צייט צו ענטפערן און שרייבן בריוו יעדע וואך, מיט׳ן איינעם ציל אז אנשי שלומינו זאלן זיך קענען מחי׳ זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן, קענען זיך אויפפרישן יעדע וואך מיט׳ן רבינ׳ס לימודים, וואס דאס איז אונזער חיות און לעבן, ווי לאנג מען לערנט די ספרים פון הייליגן רבי׳ן, וואס דאס איז אראפגעברענגט אין די בריוו, אויף א וועג עס זאל זיין געשמאק פאר אונז צו ליינען, און עס זאל אריינגיין טיף אין הארץ אריין.

דער גרעסטער טייל פון דער ארבעט שפילט זיך אפ הינטער די קוליסן, וואו א געטרייע שטאב פון אנשי שלומינו ארבעטן יעדע וואך אז די קונטרסים זאלן קענען ארויסקומען אין א קלארן, שיינעם און בא׳טעמ׳טן פארמאט.

בראש פון די מערכה שטייט דער געטרייער מנהל המכון, הר״ר יואל מנחם גרשון שניטצלער שליט״א, וואס באגלייט די קונטרסים מתחילה ועד סוף און מאכט זיכער מיט א סייעתא דשמיא אז יעדע וואך זאל ארויסקומען א הערליכער און בא׳טעמטער קונטרס. מו״ה שמעון עוזר פערל הי״ו פון ירושלים עיה״ק, צוזאמען מיט זיין משפחה, זענען זיך מוסר נפש אויף די ארבעט פון איבערטייטשן און צוגרייטן דעם לשון-קודש׳דיגן קונטרס וואך נאך וואך. אזוי אויך העלפט ארויס אין די ארבעט די חשוב׳ע משפחת קעניג פון צפת, וואס נעמט א חשוב׳ן טייל אין דער איבערזעצונג און צוגרייטונג.

נאכדעם וואס דער מנהל הר״ר יואל מנחם גרשון מאכט זיכער בס״ד אז די קונטרסים זענען גוט מוגה און גרייט, ווערט דער ניקוד מסודר מיט גרויס געטריישאפט דורך מו״ה יודא לייב ווייס הי״ו. דערנאך גייט דער קונטרס צוריק צו מו״ה שמעון עוזר, וואס שטעלט אויס און איז מסדרביידע קונטרסים, סיי דעם אידישן און סיי דעם לשון הקודש׳דיגן, ביז זיי זענען אינגאנצן גרייט צום דרוק.

מען קען קויפן זכותים אינעם ספר דורך אפקויפן א ״זכות מהדורה״ יעדע וואך. רופט יעצט דעם גבאי מו״ה לייב ראטה ביי 347-578-4449 זיך איינצוקויפן זכותים נצחיים, וואס וועלן אייך זיכער צוניץ קומען בזה ובבא.


## סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **שמואל אייכנשטיין** הי״ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו״ה **יצחק פעלדמאן** הי״ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו״ה **בנימין ווידלי** הי״ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## בצילא דמהימנותא

גרייט אייך צום הייליגן און געשמאק יום טוב סוכות מיט שיעורים, דרשות, לימודים, קהלת, מעשיות פאר קינדער, און נאך

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 3**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז״ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com** / טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**